עִקַּר הָרוּחַ־חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק (תורה ח)

קונטרס

# רוחא דחיי

שיחות ומאמרים
ע"פ משנתו של
רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

מאת

הרה"ח ר' חיים בנימין וורטהיימר ז"ל

## קונטרס א'

"השמחה של חמשה עשר בשבט"

# תוכן השיחה


די גרעסטע 'פרי' פון חמשה עשר בשבט..
די סעודות 'חמשה עשר' פון רבי נתן...
ר' נתנ'ס ליל 'חמשה עשר'...
איך האב נישט געווען גענוג פריילאך...
והתחלתי לשמח עצמי...
דאס איז ביי מיר זייער טייער...
דער עיקר אז מען זיך מכריח צו זיין פריילאך...
איך האב אים אויסגעלערנט ווי אזוי מ'איז פריילאך...
ס'איז נאכנישט די שמחה פון 'חמשה עשר'...
ביז ער איז געווארן פריילאך
האט אזוי איז דער וועג צו ארץ ישראל...
לאמיר ציען נאך אביסל!
נישט דערציילט אפילו פאר זיך אליין...
זיין פריילאך 'מוצאי' חמשה עשר...
נאך אביסל זיין פריילאך...
'ארץ ישראלדיג'ע משפחות'...
ארץ ישראל איז א פרייליכער פלאץ!
קטנות דקטנות...
מיין ביסל 'זוהר' ווערט נישט צומישט...
דער סוד פון מילתא דשטותא!
מיט ווייניג שכל איז מען אסאך פריילאך...
דאס איז קדושת ארץ ישראל...
קינדער פילן זיך אזויי ווי ביים טאטן אין שטוב...
דער 'קליפה' וואס איז דא אויף ארץ ישראל...
איבער גענומען 'מירון' אן קיין שאס פולווער...
זה השולחן אשר לפני ה'...
די פנימיות פון 'חמשה עשר'
חמשה עשר בשבט  דער נקודת השפלות!
די קדושה פון רבי נתנ'ן'
זאך פרייען ט"ו בשבט מיט די אמת'ע פירות...
ס'דא עפעס א שמחה...
דער רבינ'ס תורות אויף 'חמשה עשר'...



הערות והארות ניתן לפנות לטל' 0534159773



© כל הזכויות שמורות



כדי לקחת זכות והשתתפות בהוצאת הקונטרסים ניתן לפנות

בירושלים 05331.93747  בבי"ש 05341.52325

לתרומה ממוחשבת בכרטיס אשראי בטל' 037630585  שלוחה 6491 1<

ניתן להאזין לשיעור בטל' 0723323796 7<4 1<


הוצאות עריכת הקונטרס נתנדב

לזכות

החתן ברוך מרדכי בן אסתר חנה

והכלה חי'ה אסתר בת גולדה לאה

בזכות זה יזכו לבנות בית נאמן בישראל

הוצאות הדפסת הקונטרס נתנדב

ע"י

ר' אלימלך אנשין  שליט"א לרגל הולדת בנו למזל"ט

בזכות זה יזכו לרוות רוב נחת דקדושה

ולהכניסו בבריתו של אברהם אבינו בעתו ובזמנו

# בשערי הקונטרס

בעומדנו בשערי הקונטרס רגשות עזים צפים ועולים בנו, בהעלות זכרון בעל השמועה כנגדנו, ואיננו. כי לקח אותו אלוקים לגנזי מרומים, תהא נשמתו צרורה בחיי"ם.

זה פחות מחודשיים ימים עברו לפטירתו הפתאומית והכואבת של האי גברא יקירא ראש חבורתנו הבלתי נשכח הרה"ח ר' חיים בנימין וורטייהמר ז"ל אשר דלה והשקה את הצאן כל ימי חייו, תמידים כסדרם השקה את האילנות והפיח רוח חיים בכל סובביו. רבים הסתופפו במחיצתו להתחמם בדיבורי אש קודש הנובעים מהנחל נובע בחיות ותמימות והתחזקות עצומה. גדולה האבידה ואין לה תמורה, הלב עדיין ממאן להתנחם – ר' חיים בנימין איננו!

אולם מה גדלו חסדי ה' אשר השאיר לנו אחריו נחלה ומנוחה, הלא המה השיעורים והחבורות אשר היו באמנה איתו בימי חייו, שיחות ושיעורים שהשמיע תמידים כסדרם בחבורות האברכים והבחורים שע"י מוסדות "קרן אור" – אשר כל ימי חייו דלה והשקה בהם את הצאן, בחבורות אשר התקיימו בביתו ובמעמדים וכינוסים שונים אשר הצד השווה שבהם שכל מטרתם הייתה להתוועד ולהתחזק בעבודת ה' בדרכי התמימות של הנחל נובע, להאיר חיינו באור הצדיק למען ייטב לנו בזה ובבא.

על כן נתעוררנו חברים מקשיבים להעלות השיעורים עלי גליון למען יעמדו ימים רבים לזכרון עולם – יקראו וישוטטו בהם רבים להמשיך השלהבת הגדולה אשר הכניס בנו בימי חייו, יתחזקו ויתעוררו מהם לילך בתמימות ובפשיטות בדרכי רביה"ק ועצותיו, אשר זה היה כל מטרתו – לנשב "רוחא דחיי!" – להפיח בסובביו את ה'רוח חיים' אשר קיבל מרביה"ק וספריו הק'. והכל בבחי' 'ומקבלין דין מן דין' – להיות 'תלמיד שעושה תלמידים' – בתמימות ובהתבטלות מוחלטת על כל אשר יאמר רביה"ק כי הוא זה! כזה ראה וקבל, כי ממנו לא יהיו חדשות.

זאת אשר שינן וחיזק בלא הרף: "נסע ונלך עולם לאור הצדיק בהתקשרות איתנה ואמונה עצומה – כי זה כל חיותנו!

ומכאן תצא הקריאה לכלל אוהדי ומוקירי זכרו לבוא לעזרת ה' בגיבורים להעמיד בסיס איתן להוצאת הקונטרסים תמידים כסדרם ולנדב סכומים הגונים למען נוכל להמשיך בעבודת הקודש זו ברוב פאר והדר לתועלת ציבור הקוראים.

יה"ר שחפץ ה' בידינו יצליח ויפעלו הדברים את פעולתם הנכונה להאיר הלבבות בהתחזקות והתעוררות בעבודת ה' ובדרכי רביה"ק ועצותיו לטוב לנו כל הימים, אמן.

# השמחה של חמשה עשר בשבט

חבורת הבחורים יום שלישי פרשת בשלח תשפ"ב

## די גרעסטע 'פרי' פון חמשה עשר בשבט...

די אנדער וואך איז 'חמשה עשר בשבט' - מען פריידט זיך דאך אסאך ארום מיט אלע פירות, אבער איינע פון די גרעסטע פירות פון חמשה עשר בשבט איז רבי נתן. רבי נתן איז דאך געבוירן געווארן חמשה עשר בשבט[א]...

**רבי אברהם ר' נחמן'ס** ווען ער רעדט פון די קדושה און אלע עניינים פון 'חמשה עשר בשבט' - רעכנט ער אויכט אויס צווישן דעם, דאס אז רבי נתן איז געבוירן געווארן חמשה עשר בשבט.

**רבי שלמה וועקסלער** ברענגט[ב] טאקע דער גאנצער שמועס וואס ר' אברהם האט גערעדט מיט אים 'יום שישי בשלח' וועגן חמשה עשר בשבט און אלע עניינים ארום, שרייבט ער דארט אז דעם חודש פון חמשה עשר בשבט – דער חודש פון ר"ה לאילן, דאס איז דער 'בת עין' 'מלכות בית דוד' 'ירושלים' און נאך. א גאנצע אריכות, אז בשנת ה' אלפים תק"מ איז געבוירן רבי נתן! א גאנצער אריכות האט ער דארט.. מען וועט רעדן אפשר פון דעם באלד. (ראה בהמשך עמוד יט)

---

**א.** **בִּשְׁנַת תק"ם נוֹלַדְתִּי בִּקְהִלַּת-קֹדֶשׁ נֶעמִירוֹב בַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט.** (ימי מוהרנ"ת חלק ראשון אות א)

**ב.** מובא בסוף ספר 'כוכבי אור' הוצאת משך הנחל אות י"ב - שיחה שדיבר עם ראבר"נ ביום שישי בשלח שנת תר"ע.

## די סעודות 'חמשה עשר' פון רבי נתן...

על כל פנים, די שמחה פון חמשה עשר בשבט - שרייבט רבי נתן אין **ימי מוהרנ"ת**[ג] אז אמאל ווען ער איז געווען אונטערוועגנס איז ער געווען אין טשעהרין - דארט איז געווען צוויי שותפים פון רבינ'ס מענטשן און ער איז געווען צווישן זיי. **"וְאָז עָשָׂה רַבִּי דֹּב** [איינער פון די צוויי שותפים] **סְעֻדָּה עֲבוּרִי בַּלַּיְלָה הַשַּׁיָּךְ לְיוֹם רְבִיעִי שֶׁהוּא לֵיל חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שֶׁהוּא זְמַן לֵדָתִי** - ער האט געמאכט עקסטער די סעודה ווייל - סאיז זמן לידתו פון רבי נתן! **וְהִזְמִין כָּל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ הַחֲשׁוּבִים וְגַם אֶת רַבִּי יַעֲקֹב יוֹסֵף** [דער צווייטער שותף, וואס איז געווען דעם רעבנ'ס מחותן] **וּבְנוֹ, וְהָיִינוּ כֻּלָּנוּ מְסֻבִּין אֶצְלוֹ".**

דאס איז שוין געווען דינסטיג ביינאכט אור ליום רביעי. ווייטער דערציילט רבי נתן דארטן - אז פריער אביסל – **"בְּיוֹם שְׁלִישִׁי אַחַר חֲצוֹת - בָּא יְדִידֵנוּ כְּבוֹד הָרַב וְכוּ' מוֹרֵנוּ הָרַב יוּדִיל נֵרוֹ יָאִיר וְדִבַּרְנוּ יַחַד בְּאַהֲבָה גְּדוֹלָה, וַאֲזַי הָיִינוּ כֻּלָּנוּ בַּלַּיְלָה עַל הַסְּעֻדָּה"** - די סעודה פון חמשה עשר בשבט.

**"וְדִבַּרְנוּ עַל הַשֻּׁלְחָן הַרְבֵּה מֵרַבֵּנוּ ז"ל"** - מ'האט פארברענגט אפאר שעה אין די נאכט ביז נאך חצות הלילה, צוזאמען מיט רבי יודל און רבי בער און רבי יוסף וואס זענען געווען תלמידים פון רבי'ן, מען האט פארברענגט און געגעסן א סעודה.

**"אַחַר כָּךְ בָּאוּ בְּנֵי הַנְּעוּרִים מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ שֶׁלֹּא הָיוּ עַל הַסְּעֻדָּה, וְנִגְּנוּ כַּמָּה נִגּוּנִים וְהָיִינוּ בְּשִׂמְחָה קְצָת וְנִמְשְׁכָה הַסְּעֻדָּה עַד אַחַר חֲצוֹת לַיְלָה".** שפעטער זענען אונטער געקומען די 'בני הנעורים' - וואס זענען נישט געווען ביי די סעודה - און מען האט געזונגען און געווען בשמחה ביז מען האט געצויגן די סעודה ביז אחר חצות לילה.

---

ג. חלק שני ל"ה - ל"ח

## ר' נתנ'ס ליל 'חמשה עשר'...

דאס איז געווען אלעס חמשה עשר בשבט ביינאכט. אויפצומארגנ'ס **ביום רביעי חמשה עשר בשבט** "**עָשָׂה רַבִּי יַעֲקב יוֹסֵף סְעֻדָּה בְּבֵיתוֹ** - און אלע וואס זענען געקומען נעכטן ביי די סעודה פון רבי בער זענען געקומען יעצט צו רבי יעקב יוסף – **וְגַם בְּאוֹתָהּ הַסְּעֻדָּה סִפַּרְנוּ קְצָת מֵרַבֵּנוּ ז"ל וְנִמְשַׁךְ עַד הָעֶרֶב**" - מ'האט פארברענגט אזוי אפאר שעה ביז'ן אוונט.

**וְאַחַר כָּךְ הִתְפַּלַּלְנוּ מִנְחָה וְעַרְבִית** [פון מוצאי חמשה עשר שוין] **וּכְבָר הָיִיתִי יָגֵעַ מְאד כִּי לא יָשַׁנְתִּי בַּלַּיְלָה כְּפִי צָרְכִּי, וְגַם בַּיּוֹם לא יָשַׁנְתִּי כְּלָל וְעַל כֵּן הִנַּחְתִּי עַצְמִי תֵּכֶף לִישׁן**". - יענע נאכט פון אור לחמשה עשר האט ער נאך פארברענגט נאך די סעודה אסאך שעות אין עבודת ה'. דארטן אין חוץ לארץ ווינטער נאך חצות הלילה איז שוין ארום 11:00 אזייגער, לאמיר זאגן. אט מען געצויגן די סעודה צוועלף איינס אין די נאכט אריין, בלייבט נאך פון צוועלף אזייגער ביז דער 'נץ' - וואס איז ארום 8:00 אזייגער אינדערפרי - 8 שעה!

אפאר גוטע שעות, וואס רבי נתן אט געדינט דער אויבערשטער---

## איך האב נישט געווען גענוג פרייליך...

שוין על כל פנים, האט ער זיך געלייגט שלאפן גלייך נאך מעריב. עס ווערט פרי דארטן נאכט – בערך 4:00 5:00 אזייגער - קען מען שוין האלטן נאך אלעס.

האט רבי נתן נישט געוואלטווארטן צו עסן נאכטמאל, ער האט געוואלט גיין שלאפן און אויפשטיין צו חצות. - מסתמא האט ער נישט געוואלט ווארטן אויף אלעמען, נאר גיין גלייך שלאפן.

"**וְהָיִיתִי מְרֻצֶּה לִבְלִי לְהִתְעוֹרֵר מִשְּׁנָתִי לֶאֱכל סְעֻדַּת הָעֶרֶב** - איך האב געוואלט שוין בלייבן שלאפן נישט עסן נאכטמאל - **אַךְ קַמְתִּי קדֶם סְעֻדַּת הָעֶרֶב אֲבָל לא רָצִיתִי לֶאֱכל** - ער איז שוין געווען אויף אבער ער האט נישט געוואלט עסן – **כִּי אִם מְעַט דִּמְעַט**."

"**וְאַחַר כָּךְ נִזְכַּרְתִּי שֶׁעָבַר יוֹם חֲמִשָּׁה-עָשָׂר בִּשְׁבָט בְּלִי שִׂמְחָה כָּרָאוּי!**" - מען האט שוין געדאווענט מנחה מעריב, שוין געגאנגען שלאפן, און זיך צוריק אויפגעוועקט. ער האט נישט געטראכט צו עסן ער האט נאר געטראכט צו פארזוכן עפעס.

אבער אינמיטן האט ער זיך דערמאנט: "אז ס'איז שוין אריבער חמשה עשר בשבט, ס'איז שוין אריבער חמשה עשר בשבט! אבער - **בְּלִי שִׂמְחָה כָּרָאוּי!**---

גיט א קוק, ער האט געגעסן צוויי סעודות - א סעודה ביינאכט א סעודה בייטאג - אבער די שמחה כראוי וואס האט געדארפט זיין, וואס רבי נתן האט געוואלט - זיין פריילאך חמשה עשר בשבט – איז ער נאך נישט געווען פריילאך.

וואס טוט מען?!

וואס טוט איינער – ער האט שוין מסיח דעת געווען פון חמשה עשר בשבט, שוין געדאווענט מנחה מעריב, שוין געגאנגען שלאפן, בכלל נישט געטראכט צו אויפשטיין - ער וועקט זיך אויף נאכדעם און ער טראכט אז ער איז נישט געווען פריילאך אזוי ווי עס דארף צו זיין - שוין, **האט מען דאך שוין וועגן וואס צו זיין אין 'מרה שחורה'**---

## והתחלתי לשמח עצמי...

אבער זאגט רבי נתן - האב איך זיך דערמאנט – "**וְהִתְחַלְתִּי לְשַׂמֵּחַ עַצְמִי**" - דארף מען זיך יעצט משמח זיין!

האט ער אנגעהויבן זיך משמח זיין - "**וְהָיָה שָׁם רַבִּי יְשַׁעְיָה מִטְשֶׁעְרְקַאס אֶחָד מֵאַנְשֵׁי-שְׁלוֹמֵנוּ, וְחָטַפְתִּי אוֹתוֹ לְתוֹךְ הַשִּׂמְחָה** איך האב אים אריינגעשלעפט אין די שמחה וואס איך בין זיך משמח - **וְרָקַדְתִּי עִמּוֹ בְּעַל כָּרְחוֹ**".

ביים אנהויב האט ער 'זיך' אנגעהויבן משמח זיין – ער האט זיך אויך געדארפט משמח זיין. און נאכדעם וואס ער האט זיך משמח געווען – האט ער אריינגעשלעפט נאך איינעם און געטאנצט מיט אים בעל כרחו.

"**וּבִתְחִלָּה לֹא הָיָה מְרֻצֶּה כְּלָל** " - רבי ישעיה איז אינגאנצן נישט געווען מרוצה מיטן אים אריינשלעפן דא, אבער - "**אֲנִי הִכְרַחְתִּי אוֹתוֹ הַרְבֵּה**" - איך האב אים

ממש געצוואונגען, אסאך געצוואונגען.. "**וְלֹא הָיָה יָכוֹל לְשַׁנּוֹת רְצוֹנִי**" - ער האט נישט געהאט קיין ברירה, איך בין געווען שטארק. ער האט נישט געהאלטן ביי דערביי - נאר ער האט פשוט נישט געקענט אויף מיר.

"**וְעַל יְדֵי זֶה נִמְשַׁךְ עָלָיו שִׂמְחָה אַחַר כָּךְ בֶּאֱמֶת**" - שפעטער איז ער געווארן באמת פריילאך - **וְכַמְבֹאָר אֶצְלֵנוּ מִזֶּה שֶׁמִּתְחִלָּה צְרִיכִין לְהַכְרִיחַ עַצְמוֹ לְשִׂמְחָה** - מען דארף זיך מכריח זיין ווען ס'גייט נישט די שמחה - **וְאַחַר כָּךְ בָּא הַשִּׂמְחָה בֶּאֱמֶת, כְּמוֹ שֶׁשָּׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ בְּפֵרוּשׁ**[ד]".

## דאס איז ביי מיר זייער טייער...

"**וְאֵלּוּ מְעַט הָרִקּוּדִין וְהַשִּׂמְחָה בְּאוֹתוֹ הַלַּיְלָה הָיָה יָקָר בְּעֵינַי מְאֹד מִפָּז וּמִפְּנִינִים**" - האט ער זיך אזוי געפריידט מיט דעם וואס ער האט זוכה געווען מיט די ריקודים - "**כִּי נִתְיָאַשְׁתִּי מִלִּשְׂמֹחַ בְּאוֹתוֹ הָעֵת**".

ער איז שוין געווען אינגאנצן מיואש פון זיך פרייען, אבער "**וְהַשֵּׁם הָיָה בְּעֶזְרִי**" - עס איז דא א עקסטערע השגחה, 'והשם היה בעזרי' - **לָבוֹא לְשִׂמְחָה אָז שֶׁהוּא אֶצְלִי דָּבָר גָּדוֹל**". דער אויבערשטער האט געמאכט אז ער האט זיך יא אויפגעוועקט, און ער האט זיך אנגעיאגט שטארקן, און די גאנצע מעשה..

"**כִּי כָל זְמַן שֶׁאֲנִי זוֹכֶה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה, אֲפִלּוּ בְּחֹל, הוּא אֶצְלִי יָקָר מְאֹד וּמִצְוָה גְּדוֹלָה** - ווען איך בין זוכה צו זיין פריילאך, איז עס ביי מיר גאר א טייערע זאך, גאר א גרויסע מצוה, **כִּי רַבֵּנוּ ז"ל הִזְהִירַנִי מְאֹד מְאֹד לִהְיוֹת אַךְ שָׂמֵחַ תָּמִיד**. ער וויל פאלגן דעם רבי'ן - **לְהַכְרִיחַ עַצְמֵנוּ בְּכָל הַכֹּחוֹת לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד** - מען דארף זיך אסאך אנשטרענגען פאר דעם, זיך מכריח זיין מיט אלע כוחות צו זיין בשמחה תמיד - **וְהָעִקָּר לְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ עַל יְדֵי מִלֵּי דִּשְׁטוּתָא דַּיְקָא כַּמְבֹאָר אֶצְלֵנוּ כַּמָּה פְּעָמִים**[ה]" - דער עיקר איז אז ער זאל זיך משמח זיין דווקא דורך מילי דשטותא, דאס איז דער עיקר.

---

**ד.** ראה ליקוטי מוהר"ן תנינא סי' כג.

**ה.** ראה ליקוטי מוהר"ן תנינא סימן כד, ועוד הרבה

## דער עיקר אז מען זיך מכריח צו זיין פריילאך...

דאס הייסט, ווען דער מענטש איז פריילאך, די הארץ טראגט אים צו זיין פריילאך - איז עס זייער א גוטע זאך.. אבער דער עיקר איז, אז בשעת א מענטש איז איינגאנצן צוקלאפט און ער קען זיך נישט פריילאך מאכן - דעמאלטס דארף ער זיך ניצן מיט די שטארקסטע מיטלען, מיט "**מילי דשטותא**" - זיך נאריש מאכן, אזוי ווי מען זעט די מעשה דא.

רבי נתן בכלל נישט לפי דרכו און לפי כבודו פארלייגט זיך אויף א מענטשן און צווינגט עם צו טאנצן, דאס איז ממש נישט נארמאל. ער האט זיך שטארק שטארק אריינגעלאזט כדי זיך צו ברענגען צו שמחה!

שרייבט רבי נתן, "דאס איז ביי מיר זייער טייער ווען איך בין זוכה צו דעם!" - ווען איך בין זוכה צו ווערן פריילאך און בפרט דורך 'מילתא דשטותא' - אז מען איז זיך מכריח צו זיין פריילאך - איז ביי מיר גאר א טייערע זאך!

## איך האב אים אויסגעלערנט ווי אזוי מ'איז פריילאך...

און דאס איז געווען מיטוואך ביינאכט אור ליום חמישי - "**וְעַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה הַזֹּאת**" - נאכדעם וואס מען האט זוכה געווען אין אזא 'מציאה' צו זיין פריילאך, דורך די שמחה האבן מיר זוכה געווען "**לִשְׂמֹחַ אַחַר כָּךְ גַּם בְּשַׁבַּת קֹדֶשׁ**", א שבת נאכדעם, שבת פרשת יתרו האבן מיר אויך זוכה געווען צו זיין פריילאך. "**כִּי עַל יְדֵי זֶה לִמַּדְתִּי אֶת רַבִּי יְשַׁעְיָה הַנַּ"ל לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה וְרִקּוּדִין בְּשַׁבַּת קֹדֶשׁ**", איך האב אים אריינגעברענגט און איך האב אים אויסגעלערנט ווי אזוי מען איז פריילאך, און מען איז געווען פריילאך!---

**וּבְלֵיל שַׁבָּת שָׂמַחְנוּ בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְרָקַדְנוּ לִכְבוֹד שִׂמְחַת שַׁבַּת קֹדֶשׁ וּבַיּוֹם אָכַל עִמִּי גַּם רַבִּי יוּדְל** - ביינאכט האבן מיר אויך געווען פריילאך אבער אן רבי יודל, בייטאג איז אויך רבי יודל געווען - **וּבָרוּךְ הַשֵּׁם הָיָה הַכֹּל עַל נָכוֹן שִׂמְחָה וְשָׁלוֹם, וְגַם בְּמוֹצָאֵי שַׁבָּת רָקַדְנוּ בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ**".

## ס'איז נאכנישט די שמחה פון 'חמשה עשר'...

לאמיר אריינטראכטן א מינוט, ס'האט זיך אפגעטאהן דא א 'חמשה עשר בשבט' - ער איז געווען פריער ביי די סעודה ביינאכט איז געווען פריילאך דארט, מען האט גערעדט פון רבי'ן. בייטאג איז געווען נאך א סעודה מען האט גערעדט פון רבי'ן - אבער ס'איז נאכנישט געווען די שמחה וואס רבי נתן האט געוואלט!

ביי אונז גייט מוצאי שמחת תורה מאכט מען הקפות שניות, אבער מוצאי חמשה עשר בשבט – **ווער געדענקט נאך אז ס'איז מוצאי חמשה עשר בשבט?** ער גייט שוין שלאפן, געענדיגט.

אבער רבי נתן האט געדאווענט מעריב געגאנגען שלאפן, און ער וועקט זיך אויף שלא ברצונו – און דא הויבט ער אן איבער א נייעס, ער האט זיך דערמאנט אז ס'איז נישט געווען פריילאך חמשה עשר, ס'איז נאכנישט, נישט דאס מיינט די שמחה פון חמשה עשר!

ער האט פארברענגט אפאר שעה ביינאכט ביי די סעודה, אפאר שעה בייטאג – מען האט גערעדט פון רבי'ן, ס'איז עפעס נאכנישט די שמחה פון חמשה עשר, נאכנישט די שמחה פון חמשה עשר---

## ביז ער איז געווארן פריילאך

גייט מען מוצאי חמשה עשר – און מען הויבט אן זיך פריילאך מאכן!

און אז עס גייט נישט אזוי פשוט - שלעפט מען אריין איינער וואס האלט אינגאנצן נישטביים טאנצן, ער האלט נישט ביים זיין פריילאך - און מען פארלייגט זיך אויף אים! און זיינע יארן..

מען הויבט אים אן שלעפן און פריילאך מאכן, און מען שלעפט אים, מען צווינגט אים, ביז יענער האט נישט קיין ברירה.

ס'איז ממש בכפיה, מען איז דא מכריח א מענטשן צו זיין פריילאך. און צום סוף איז ער גאר געווארן באמת פריילאך. נישט ווילנדיג איז ער געווארן באמת פריילאך! געצוואונגענערהייט **"כופין אותו עד שיאמר רוצה אני"**, און ער איז געווארן פריילאך, ער איז ממש פריילאך---

## אט אזוי איז דער וועג צו ארץ ישראל...

שרייבט ער ווייטער - **"וּבִפְרָט לְעִנְיַן הַנְּסִיעָה לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָיְתָה הַשִּׂמְחָה עִקָּר גָּדוֹל אֶצְלִי"**. דאס איז אלץ געווען אויפן וועג צו ארץ ישראל - און רבי נתן'ס קאפ האט זיך געדרייט אפאר חדשים אלס אויפן וועג צו אנקומען צו ארץ ישראל. איז דער ענין פון שמחה געווען ביי אים א גרויסע יסוד.

**"וְכָל שִׂמְחָה וְשִׂמְחָה קְטַנָּה וּגְדוֹלָה מְעַט וָרַב שֶׁהָיוּ לִי בַּדֶּרֶךְ** - סיי די וויניג און די קליינע שמחה, סיי וואס ער האט געהאט אסאך שמחה - **הַכֹּל הָיוּ סִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא כְּדֵי לְזַכֵּנוּ לָבוֹא לְשָׁם"**. יעדע קליינע שמחה וואס ער האט זוכה געווען צו האבן – איז אלץ געווען 'סיעתא דשמיא' כדי איך זאל קענען אנקומען דארט.

**"וּבְלֹא זֶה** - ווען איך וואלט נישט געהאט די אלע עניינים פון שמחה אינמיטן - **לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לִי לָבוֹא לְשָׁם!"** - וואלט איך נישט אנגעקומען אין ארץ ישראל. דעריבער, איז ביי אים געווען גאר חשוב דאס וואס ער האט זוכה געווען צו זיין בשמחה.

## לאמיר ציען נאך אביסל!

דאס אלעס איז געווען א וועג אויף ארץ ישראל, מיט דעם איז מען זוכה צו בי קומען אלע נסיונות אויפן וועג צו קומען אויף ארץ ישראל!

וואס רבי נתן איז מאריך דא אין ימי מוהרנ"ת אז ער איז געפארן אין ארץ ישראל באמת אויף א אופן וואס ס'איז בכלל נישט געווען במציאות ער זאל קענען פארן.

עס איז דא מניעות וואס מען קען בכלל נישט צאמברעכן! אזעלכע מניעות[ו]... ס'איז בכלל נישט שייך צו ברעכן[ז]!

נאר רבי נתן האט יעדן מאל באזונדער געטראכט לאמיר דערווייל ציען, מען קען נאך דערווייל ציען דעם וועג?!

איך ווייס נישט צו איך וועל אנקומען, אבער לאמיר ציען נאך אביסל---

האט ער זיך פריילאך געמאכט, און פריילאך געמאכט אנדערע, און די כח פון שמחה אט אים געגעבן כוח צו ציען די לאנגע וועג וואס עס איז בכלל נישט געווען א מציאות ער זאל אנקומען.

ער איז נישט מיואש געווארן אינמיטן, ער איז געווען פריילאך און פריילאך.

## נישט דערציילט אפילו פאר זיך אליין...

בסתר לבו – ער האט אפילו נישט דערציילט פאר קיין מענטשן, בסתר לבו טראכט ער פון דא צו אנקומען צו ארץ ישראל. ער האט זיך געדרייט און געדרייט, און נישט דערציילט אז ער טראכט צו אנקומען צו ארץ ישראל אפילו פאר זיך אליין![ח]

האט ער נישט געזאגט ווייל ער האט נישט געוואלט צופיל רעדן עס זאל זיך נישט מתגבר זיין די מניעות, ער האט געזאגט – **"דא מעג איך נאך זיכער פארן![ט]"** ער האט זיך ארויסגע'גנב'עט פון זיך אליין, ביז ביז..

---

**ו.** ראה ימי מוהרנ"ת חלק שני אות א: **כִּי הָיָה לִי מְנִיעוֹת רַבּוֹת בְּלִי שִׁעוּר בְּכָל יוֹם וָיוֹם בְּכָל נְסִיעָה וּנְסִיעָה שֶׁהָיְתָה נוֹגַעַת לְעִנְיַן הַנְּסִיעָה לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עַד אֲשֶׁר יִכְלוּ הֲמוֹן יְרִיעוֹת לְפָרְטָם.**

**ז.** ראה שם באות יט: **וּבְכָל פַּעַם עָמְדוּ לְפָנַי הַמְּנִיעוֹת כְּחוֹמוֹת נְחֹשֶׁת וּבְרִיחֵי בַרְזֶל מַמָּשׁ.** (ועיי"ש עוד באריכות.)

**ח.** ראה ימי מוהרנ"ת חלק שני יט וזל"ש: **"וְלֹא הִגַּדְתִּי לְשׁוּם אָדָם שֶׁיֵּשׁ סְבָרָא בְּדַעְתִּי שֶׁבַּנְּסִיעָה הַזֹּאת אֶסַּע לְאָדֶעס וּמִשָּׁם לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** וּבֶאֱמֶת גַּם אֲנִי בְּעַצְמִי לֹא הָיִיתִי יוֹדֵעַ בְּבֵרוּר אִם אֶזְכֶּה לָזֶה כִּי עֲדַיִן הָיִיתִי מְסֻפָּק מְאֹד."

**ט.** ראה ימי מוהרנ"ת חלק שני לט וזל"ש: "אֲבָל עֲדַיִן לֹא הָיָה דַּעְתִּי צְלוּלָה בְּעִנְיָן זֶה וְלֹא יָדַעְתִּי בְּעַצְמִי לְהַכְרִיעַ דַּעְתִּי, לִפְעָמִים נִגְמַר בְּדַעְתִּי לִנְסֹעַ בְּוַדַּאי, וְלִפְעָמִים לְהִפּוּךְ, וְלִפְעָמִים הָיִיתִי

אזוי, ביז ער האט זיך געטראפן אנקומענדיג אויף ארץ ישראל!---

"ער איז געקומען אין ארץ ישראל - שרייבט רבי נתן - האבן מיר אויפגענומען דארט מענטשן... **מען האט אים אנגעקוקט אזוי ווי אליהו הנביא!**'"

ווייל שוין צוויי יאר איז נישט אנגעקומען קיין מענטשן פון חו"ל צו ארץ ישראל וועגן די פחדים וואס האט זיך אפגעטאן אין יענע צייט. און ער האט דורכגעמאכט א זאך וואס קיינער מאכט נישט! ער האט זיך דורכגעשטופט אזוי, זיך דורכגעשמוגלט, ביז ער איז אנגעקומען אין ארץ ישראל! און ס'איז אלץ מיט 'די' שמחה!

די שמחה פון חמשה עשר געהאט א גרויסן חלק[יא] פון אים ברענגען אויף ארץ ישראל---

## זיין פרייליך 'מוצאי' חמשה עשר...

בקיצור, מען זעט איין זאך – דער לימוד דא – וואס איז חמשה עשר, וואס הייסט חמשה עשר - מען דארף זיין פרייליך חמשה עשר, און וויפל מען דארף זיין פרייליך אפילו **מוצאי** חמשה עשר!

---

מְסֻפָּק בְּלִי הַכְרָעָה **אַךְ נִתְיַשַּׁבְתִּי בְּכָל פַּעַם מַה לִּי לְבַלְבֵּל דַּעְתִּי לָעֵת הַזֹּאת, לְעֵת עַתָּה אֲנִי כָּאן וַאֲנִי צָרִיךְ לִנְסֹעַ מֵעִיר הַזֹּאת לָעִיר הַסְּמוּכָה הַצְּרִיכָה לִי, וּמַה לִּי לִדְאֹג וְלַחְשֹׁב עַל יוֹם מָחָר**!"

**י.** ראה ימי מוהרנ"ת חלק שני קלה וזל"ש: **וְגֹדֶל הָרַעַשׁ וְהַשִּׂמְחָה וְהַחִיּוּת, שֶׁהָיָה אָז מִבִּיאָתֵנוּ לְאֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר וּלְשַׁעֵר** וְכֻלָּם אָמְרוּ שֶׁאֲנַחְנוּ הֶחֱיֵינוּ אוֹתָם מַמָּשׁ, **כִּי זֶה שְׁנָתַיִם אֲשֶׁר לֹא רָאוּ אָדָם מִמְּדִינָתֵנוּ** [...] עַל כֵּן הָיָה עֲלֵיהֶם שִׂמְחָה רַבָּה וְכֻלָּם אָמְרוּ שֶׁאֲנַחְנוּ מְחַיִּים כָּל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל עַל שֶׁבָּאנוּ לְשָׁם, קְצָתָם אָמְרוּ שֶׁאֵין אֵלּוּ אֲנָשִׁים כְּלָל רַק הֵם מַלְאָכִים שֶׁנִּשְׁלְחוּ מִן הַשָּׁמַיִם, **וְזֶה אָמַר שֶׁזֶּה בְּחִינַת אֵלִיָּהוּ שֶׁיָּבוֹאוּ עַכְשָׁו פִּתְאוֹם אֲנָשִׁים מִחוּץ לָאָרֶץ לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בְּעֵת כָּזֹאת** אֲשֶׁר אֲפִלּוּ הַמְשֻׁלָּחִים לֹא רָצוּ לֵילֵךְ בַּיָּם כִּי-אִם בַּיַּבָּשָׁה, אֲשֶׁר מֵחֲמַת זֶה לֹא בָּא שׁוּם אָדָם לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֶה סָמוּךְ לִשְׁנָתַיִם.

**יא.** ראה ימי מוהרנ"ת חלק שני אות לו

אפילו מען איז נישט געווען פריילאך חמשה עשר, דארף מען נאך זיין פריילאך אפילו מוצאי חמשה עשר! דארף מען נאך פריילאך מאכן אנדערע אויך- אפילו זיי צווינגען - און ווערן פריילאך!

עס זאל זיין חשוב ביי מיר אז איך בין געווארן פריילאך. און נאכדעם איז מען זוכה צו טאנצן, צו זיין פריילאך שבת נאך דעם אויכעט, און דאס איז א וועג אויף ארץ ישראל.

## נאך אביסל זיין פריילאך...

דאס איז א לימוד על הכלל כולו ווי עס גייט אין עבודת השם, נאך אביסל איז מען פריילאך און נאך אביסל---

יעדער איינער דארף גיין א לאנגע וועג. נישט נאר אויף ארץ ישראל, נאר אפילו אין **ארץ ישראל אליין** דארף מען אויכעט זוכה זיין צו גיין מדרגה לדרגה.

די גאנצע זאך וואס מען דארף קומען אויף ארץ ישראל איז ווייל אין ארץ ישראל גייט מען מדרגה לדרגה. מען קען נישט זיין א איש הישראלי באמת - וואס גייט מדרגה לדרגה - נאר דורך ארץ ישראל![יב]

דער רבי זאגט[יג] איז אין ארץ ישראל איז דא דער כח פון 'אריכת אפיים' – מען קען סובל זיין אלע מניעות וואס איז דא אין עבודת ה'.

ארץ ישראל איז א פריילאכער פלאץ! עס מאכט פריילאך א איד'ן!

---

**יב.** ראה ליקוטי עצות ארץ ישראל אות ג' וז"ל: **מִי שֶׁרוֹצֶה לִהְיוֹת אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי בֶּאֱמֶת, דְּהַיְנוּ שֶׁיֵּלֵךְ מִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא אִי אֶפְשָׁר כִּי אִם עַל־יְדֵי קְדֻשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.**

**יג.** ראה ליקוטי קמא סימן קנ"ה וז"ל: נִמְצָא, **שֶׁעִקַּר עֲבוֹדַת אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי זוֹכִין עַל יְדֵי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**, **שֶׁהוּא בְּחִינַת אֱמוּנָה, בְּחִינַת אֲרִיכַת אַפַּיִם**, בְּחִינַת כֹּחַ הַגּוֹדֵל וְכֹחַ הַצּוֹמֵחַ, שֶׁעַל יְדֵי זֶה זוֹכִין לְהִתְחַזֵּק בַּעֲבוֹדָתוֹ, וְלִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עַל שׁוּם מוֹנֵעַ וּמְעַכֵּב וּמְבַלְבֵּל.

## ׳ארץ ישראלדיג׳ע משפחות׳...

די ארץ ישראלדיג׳ע אידן מאכן מיט כסדר. אבער חוץ לארץ׳דיגע אידן קענען נישט אויסהאלטן אחד מאלף, וואס ארץ ישראלדיג׳ע אידן מאכן מיט.

ווער עס קען אביסל די דורות דא, ווייסט אביסל וואס עס איז ׳ארץ ישראל׳דיג׳ע משפחות׳...

יעדע משפחה מיט אירהע מעשיות. יעדער איינער, וואס איז דא פון די משפחות וואס זענען אנגעקומען דא – וואס ס׳איז זיי אויסגעשטארבן פון הונגער, פון מגיפות, וואס מען האט נאר מיטגעמאכט דא, עניות יסורים או וואס נישט - האט מען דא מיטגעמאכט אין ארץ ישראל...

אונזער משפחה איז דא דא פון די למד׳ס, דאכט זיך מיר אנהויב די למד׳ס (תחילת שנות התר״ל) מיין זיידע און באבע האבן דערציילט מעשיות ווי קינדער זענען געשטארבן דא, אה וואס מ׳האט מיט געמאכט אן א שיעור... אן א שיעור...

וואס מען האט מיטגעמאכט דא אויף צו זיך קענען דערהאלטן צו בלייבן אין ארץ ישראל – און נישט אנטלויפן, רוב זענען אנטלאפן (!)

אלע וואס זענען דא היינט זענען נישט משפחות וואס זענען ׳געקומען׳ אין ארץ ישראל, נאר משפחות וואס זענען ׳געבליבן׳ אין ארץ ישראל---

יעדער איינער וואס איז דא דא, איז נאר א ׳קליין חלק׳ פון אסאך משפחות וואס זענען שוין געווען דא און אנטלאפן, רוב משפחות זענען אנטלאפן אויף צוריק.

יחידים! וואס האבן זיך געהאלטן און געבליבן. זיי האבן טועם געווען דעם טעם פון ארץ ישראל, און האבן פארשטאנען, אז פאר די נעימות פון ארץ ישראל [יד] זענען זיי גרייט צו סובל זיין אלע מיני..

---

**יד.** ראה ליקוטי הלכות ברכת הפירות הלכה ה׳.

איך געדענק מיין זיידע, האט מיר דערציילט אז ער איז געווען אמאל אין חו"ל האט מען אים מציע געווען צו ווערן א רב דארטן אין א שטאט - מען האט אים געזאגט "קום וואס מוטשעסטע זאך פאר פרנסה ברענג זיי דא מען וועט דיר מאכן א רב!" האט ער געזאגט – "וואס? מיין ווייב, מיינע קינדער, זענען מיר נישט ווערד גאנץ חו"ל איך זאל זיי ארויס ברענגען - איך האב נישט וואס צו טאן? ארויספארן אין חו"ל?!"---

## ארץ ישראל איז א פרייליכער פלאץ!

אסאך אידן דערציילן די סארט זאכן וואס מ'האט מיטגעמאכט. א חלק זענען אוועקגעפארן ס'איז געבליבן ממש איינציגע - ווען א גרויסע חלק משפחה זענען צוריקגעפארן!

דער כח צו אויסהאלטן איז נאר ווער עס שפירט די נעימות פון ארץ ישראל– אזא נעימות[טז]!

דער נעימות פון ארץ ישראל - פארדעם האט מען דעם כח צו סובל זיין אלע מיני יסורים שבעולם!

דעריבער, דער כח פון ארץ ישראל - ווער עס וויל שפירן דעם טעם פון זיין א איד - גיין מדרגה לדרגה, גייט דאך איבער אויף אים אן א שיעור! איז דורך ארץ ישראל - א פלאץ וואס מען שפירט די נעימו"ת – איז מען סובל אזא 'אריכת אפיים', מען איז סובל אלע מניעו"ת. מען ווייסט אז עס גייט אריבער---

מען דערהאלט זיך, מען איז פרייליך. אזוי ווי רבי נתן דערציילט אונז דא די וועג פון ארץ ישראל - די שמחה וואס מען איז זיך מחיה. דאס קומט אלעס פון די נעימות פון ארץ ישראל! ארץ ישראל אליין איז די פלאץ פון שמחה!

---

**טז.** ראה ליקוטי מוהר"ן תנינא סימן ע"א ובביאור הליקוטים שם אות א'.

## קטנות דקטנות...

עס איז דא א גאנצע תורה פון רבי'ן[טז], דער רבי איז מסביר דארט דעם וועג פון ארץ ישראל.

דער וועג פון ארץ ישראל אז מען ווארפט זיך אריין אין א 'פשיטות'. מען איז סובל אלעס וואס גייט איבער – אלע מיני קטנות – מיט 'מילתא דשטותא'!

דער מענטש גייט אריין אין אזא קטנות המוחין אז ער דארף זיך קענען פרייען נאר מיט מילתא דשטותא, קען ער דאס אויסהאלטן.

אז מען גיט אים עפעס א גרעסערן דעת, קען ער שוין נישט אויסהאלטן - פון אזעלכע בלבולים, ער לאזט זיך אריין צו זיין ממש אין קטנות דקטנות, קטנות דקטנות---

## מיין ביסל 'זוהר' ווערט נישט צומישט...

איך בין געווען אמאל אין אזא חולשת המוחין, איך האב נישט געקענט לערנען. אבער עס איז דא לימודים אזעלכע ווי זוהר וואס מ'קען זאגן[יז] – מ'זאגט מ'זאגט.. האב איך געזאגט און געזאגט.

אינמיטן תוך כדי וואס איך האב געזאגט, איז געווען עפעס זאכן אין שטוב, כל מיני זאכן – וואס איז מיר געגאנגען אויף די נערוון, וואס נארמאל וואלט איך געדארפט זאגן 'אהער אהין'.. אבער איך בין געווען אין אזא קטנות המוחין, איך האב געזאגט א שטיקל זוהר אז איך האב געפילט א אזא חירות – אז איך בין אזוי בקטנות אז קיין זאך רעגט מיר נישט אויף!

א גרויסער מענטש האט זיך וואס צו אויפרעגן, ער פארשטייט עפעס, ס'גייט יא וויאזוי ער וויל ס'גייט נישט ווי ער וויל... אבער איך האב געפילט אז ס'איז אזוי

---

**טז.** ליקוטי מוהר"ן תנינא סימן ע"ח.

**יז.** עיין שיחות הר"ן סימן קח

געשמאק מען זאגט איינמאל נאכאמאל, מיין ביסל 'זוהר' וואס איך דארף זאגן - ווערט נישט נתבלבל פון קיין שום בלבולים שבעולם - מיין זאגן די ביסל ווערטער אן פארשטיין וואס איך רעד - קען איך זאגן ווייטער...

דעמאלטס האב איך אביסל פארשטאנען וואס עס שטייט אויפן רבי'ן - וואס עס שטייט אז ווען דער רבי איז געווען אויפן וועג צו ארץ ישראל אין איסטאמבול, איז ער אריין אין אזא קטנות - ער האט זיך טאקע מחיה געווען נאר מיט 'קטנות המוחין'---

## דער סוד פון מילתא דשטותא!

דאס איז דער סוד פון 'מילתא דשטותא: "ביזט אין קטנות? ווילסט נאך האבן שכל דעמאלס אויך?!" עס וועט זיין דער גרעסטער טפשות אז דו ווערסט טראכטן פון זיין בשמחה - דעמאלטס וועט דיר דאס אויסזען די גרעסטע טפשות, נאר זאך אויפרעגן זעט אויס...

על פי דעם שכל – דעם קליין שכל וואס מען האט דעמאלס - זעט אויס אז די קלוגסטע זאך איז זיין אויפגערעגט, נאר צו שרייען, זיך אויפרעגן אויף מענטשן, זאגן דיעות...

אבער אז מען ווייסט: "איך בין גאר קליין, איך ווייס איך האב נישט קיין שכל!" - אט קען מען זיין נידעריג און פרייליך! פרייליך---

מיט ווייניג שכל איז מען פרייליך. ס'איז א מורא'דיגע לימוד, פון די לימודים פון רבי'ן!

## מיט ווייניג שכל איז מען אסאך פרייליך...

דער רבי אליין איז אנגעקומען אין ארץ ישראל נאר דורך דעם. דער 'בעל שם' האט נישט געקענט זיך אראפלאזן אין אזא קטנות - וואס מען דארף אריבערגיין פאר ארץ ישראל! דער רבי האט זיך אראפגעלאזט...

שטייט דארטן[יח], אז דער רבי איז ארויס אין גאס - איז געשטאנען דארט בני הנעורים און געווארפן שאלאכטס'ער - מען האט זיך געווארפן און זיך געקריגט, איז דער רבי ארויס זיך מצרף געווען צו זיי. ער האט געכאפט א שאלאכטס און אויך געווארפן, ער האט זיך אראפ געלאזט אויפן גרעסטן נידריגקייט – זיך פריילאך געמאכט!

א איד דארף זיין פריילאך! א נפקא מינא? איך דארף אנקומען אויף ארץ ישראל!

וועל איך אויסקוקן אויפן וועג א יונג וואסווארפט שאלאכטס – "יאלא! האקט שאלאכטסער!" - מען האקט זיך מען ווארפט זיך...

עה... מיט די סארט אויסדרוקן וואס מען דריקט זיך אויס בשעת די אלע שפילערייען... ער האט זיך פריילאך געמאכט!

## דאס איז קדושת ארץ ישראל...

על כל פנים, דאס איז א גרויסע לימוד! דאס איז דער לימוד פון ארץ ישראל!

אין תורה ע"ח ווען דער רבי רעדט דעם וועג פון ארץ ישראל, שפעטער רעדט דארטן דער רבי[יט] – אז אין אין 'ארץ ישראל אליין' איז נאכאמאל די זאך אבער נאכמער בפנימיות...

אזוי גייט דאס, ווייל די גאנצע זאך דאס איז קדושת ארץ ישראל!

קדושת ארץ ישראל איז געוואלדיגע מוחין מיט א געוואלדיגע תמימות מיט א געוואלדיגע פשטות – א געוואלדיגער כח פון סובל זיין אלעס---

אזוי איז געווען ביי רבי נתן די זעלבע זאך אויף דעם אופן - איז ער געקומען קיין ארץ ישראל. און דאס איז טאקע די וועג, דאס איז קדושת ארץ ישראל: "זיך פריילאך מאכן!"

---

**יח.** ראה חיי מוהר"ן סימן קלט, ובשבחי הר"ן ח"ב אות יב.

**יט.** ראה שם אות ח

## קינדער פילן זיך אזויי ווי ביים טאטן אין שטוב...

מען זעט במציאות, די פריילאכקייט פון ארץ ישראל איז נישטא צו באקומען אין קיין פלאץ נישט - אלע אנדערע מדינות אלע גלות'ן. אפילו אז ארץ ישראל האלט נאך בוודאי פאר די גאולה אוודאי – אעפ"כ דער מציאות איז – ארץ ישראל איז דער פריילאכעסטע פלאץ!

מען האט געזאגט **רבי לוי יצחק** אויף ירושלים אז מען קריגט זיך אויף הפגנות, מען מאכט אסאך מאל נארישקייטן, האט אים רבי לוי יצחק געזאגט: "קינדער פילן זיך אזוי ווי ביים טאטן אין שטוב, מען ווילדעווען ארום"... אין ארץ ישראל פילט מען זיך עפעס בעסער דא, אזוי איז עס. דא אין ירושלים מען פילט זיך אינדערהיים". דאס איז קדושת ירושלים!

דאס איז די קדושה, אסאך מאל אז מען פילט זיך גוט מאכן טאקע מענטשן שטותים[כ]... אבער עס קומט פון דעם שורש - מען פילט זיך דא גוט! דא איז א פריילאכער פלאץ, דא קומט מען - מען שרייט 'נאצי'...

**רבי לוי יצחק** איז אמאל געזעצן ביי א שלום זכר מיט **רבי אהרן קאצינעלבויגן** ז"ל, האט רבי אהרן קאצינעלבויגן געזאגט פאר רבי לוי יצחק אז דא איז ערגער ווי רוסלאנד, די ציונים דא איז ערגער ווי רוסלאנד, וואס זיי מאכן דא---

ווען רבי לוי יצחק איז שוין געווען אינדרויסן האט ער געזאגט – "ער איז נישט געווען אין רוסלאנד קיינמאל, ער ווייסט נישט פון וועלכע זאכן מ'רעדט דא!" דא טאמער קומט אריין א שוטר [דאס לייג איך שוין צו...] טאמער קומט א שוטר באפאלט מען אים– ער אנטלויפט פון דא... אין רוסלאנד האט מען געציטערט 'אימת מוות', אוי האט מען געציטערט. מען האט גע'הרג'עט מענטשן.. דא שרייט מען אים - און ער ווערט נאך באליידיגט...

פארשטייסט, דא געפינט מען זיך אין ארץ ישראל. מען שפירט: דא איז ארץ ישראל!

---

**כ.** ראה רש"י בשיר השירים ו,ה

## דער 'קליפה' וואס איז דא אויף ארץ ישראל...

איי ס'דא דא ציונים, דאס איז א קליפה וואס איז דא אויף ארץ ישראל! דארטן, אין חו"ל איז נישטא א קליפה אויף חו"ל - חו"ל איז איין שטיק קליפה, די גאנצע מעשה איז איין גרויסע קליפה!

ארץ ישראל איז א פלאץ וואס מען שפירט א שמחה. דערפאר די קנאות אין ארץ ישראל ארבעט גוט - ווייל מען שפירט זיך דא אינדערהיים. קומט אריין א ציוני מען וועט אים שרייען... מען לערנט אים – "אתה ציוני? וואס האסטו מיט ציון? צי אפ פון דא! לאמיר היטן שבת, גיי אוועק פון דא, מיר זענען שטארק!"

אלס וואס איז נאך דא קדושה אין כותל מערבי - ס'דא א מחיצה - דאס איז אלס פון די ברסלבער חסידים וואס זענען געקומען טאג טעגליך - רבי הירש לייב [ליפל], מיט רבי אברהם יעקב גולדרייך – אלע וואס זענען געגאנגען טאג טעגליך, זיך געשלאגן---

## איבער גענומען 'מירון' אן קיין שאס פולווער...

אמאל האט מען אין מירון אויך נישט געקענט קומען ל"ג בעומר - ס'איז געווען פול מיט קליפות, פריצות. נורא נוראות, נורא נוראות!

ווען איז נשתנה געווארן? ווען איז געווארן אז מירון איז געווארן א פלאץ פון ערליכע אידן ל"ג בעומר?

פון ווען סאטמארער' חסידים האבן אנגעהויבן קומען קיין מירון פון אמעריקע - האבן זיי אנגעהויבן, אפגעדונגען דירות, אלעס..

פארדעם איז דער גאנצער בארג געווען פול מיט געצעלטן פון פרענקען, פריצות. זענען אנגעקומען די סאטמארער מיט זייער ברייטקייט פון אמעריקע, אנגעקומען און געדונגען דירות.

זיי האבן געפרעגט די בעלי בתים "וויפל צאלט מען דיר א פלאץ? איך צאל דיר צוויי מאל אזויפיל!" - אזוי איז געווארן פול פול מיט ערליכע אידן די גאנצע פלאץ. אן קיין שאס פולווער האט מען איבערגענומען דעם גאנצן פלאץ.

אזוי איז דאס, דער כח פון ארץ ישראל איז א שטארקער כח, א שטארקער כח! א כח פון שמחה וואס מיט די שמחה קען מען אריבערגיין אלע מיני מניעות, אלע מיני מניעות---

## זה השולחן אשר לפני ה'...

נחזור לעניינו, מען רעדט דא פון חמשה עשר בשבט - די קדושה פון חמשה עשר בשבט איז ביי רבי נתן געווען א גרויסער עסק, חמשה עשר בשבט איז דער געבורסטאג פון רבי נתן. אין בריוו[כא] שרייבט אויך רבי נתן אז ער איז געזעצן – **"זה השולחן לפני ה'!"**

געזעצן ביים טיש פון חמשה עשר - א שולחן לפני ה'---

## די פנימיות פון 'חמשה עשר'

אזוי ווי אויבן האבן אונז דערמאנט, אז ראבר"נ רעדט א גאנצע אריכות וועגן חמשה עשר בשבט. דער עיקר זאך פון חמשה עשר בשבט איז אז עס איז 'ראש השנה לאילן', וואס דער עיקר ר"ה לאילן איז נוגע לגבי [נטע] רבעי[כב] - אז די פירות רבעי דארף מען זיי מעלה זיין אין ירושלים. איז פון ווען גייען אן אז די פירות זענען אין די יאר פון רבעי, רעכנט מען עס לויט חמשה עשר.

קומט אויס - זאגט ראבר"נ - על פי וואס רבי נתן זאגט אין ליקוטי הלכות הל' ערלה הלכה ה'[כג] אז ס'איז דא **'ארבע תקופות בשנה'** און דער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן[כד] אז ס'איז דא **'פיר מדריגות אין שפלות'**.

---

**כא.** ראה בספר עלים לתרופה מיום ד' חמשה עשר בשבט תר"ב: "מכתבך קבלתי עתה בהיותינו מסובים **על השולחן אשר לפני ה' בזה היום חמשה עשר בשבט**"

**כב.** עיין מסכת ראש השנה פרק א'

**כג.** עיין שם באות ו,ז

**כד.** ראה ליקוטי מוהר"ן קמא סימן יד

מען וועט נישט אריינגיין יעצט אין אריכת הדברים פון דעם, אבער וואס קומט אויס לעניינו, אז א איד דארף זיך האלטן קלענער אין פיר בחינות:

[א] פון ווער ס'איז **גרעסער** פון אים.

[ב] און נישט נאר דאס, נאר אויך קלענער פון ווער ס'איז אין **איין גלייכן מדרגה מיט דיר**.

[ג] און אויך נישט נאר פון א חבר (וואס איז אין דיין מדריגה), נאר אויך פון ווער ס'איז **קלענער פון דיר**, ווייל יענער האט א מעלה וואס מצד די מעלה ביזטו גארנישט אנקעגן אים, ווייל די מעלה האסטו נישט, אזוי אפילו יענער איז א קליינער דארפסטו זיך אויך האלטן קלענער.

[ד] און די פערדע – איז ביטול גמור - נישט נאר אז מען דארף זיך האלטן קלענער פון א צווייטן, נאר מען דארף 'זיך' אינגאנצן מבטל זיין. אפילו לאמיר זאגן, דער קלענסטער מענטש פון די וועלט - דארף זיך נאך אויך האלטן נאך נידריגער ווי ער איז אויך – נישט נאר נידריגער פון אלעמען נאר **קלענער פון זיך!**

ער דארף זיך האלטן נידריגער פון 'זיך' אליין! דאס איז די גרעסטע שפלות, שלימות השפלות! - דאס הייסט 'ביטול גמור'! ער איז גארנישט מיט נישט, אפילו וואס ער איז - איז ער אויך נישט. ביטול גמור! (דאס איז א גאנצער שמועס פאר זיך עס איז גאר א איידעלער נושא.)

זאגט רבי נתן, אנטקעגן די 'פיר בחינות פון שפלות' איז דא די 'ארבע תקופות השנה' - דער יאר הייבט זיך אן פון ניסן, ס'איז דא תקופת ניסן, תקופת תמוז, תקופת תשרי, און תקופת טבת - און יעדע יאר דארף א מענטש זוכה זיין צו מער שפלות מער שפלות.

'תקופת טבת' [וואס איז טבת שבט אדר] ווערט נתברר גמר תקופת החדשים - דעמאלס איז דער גרעסטער ביטול! און דער מיטל פונקט פון תקופת טבת איז חמשה עשר בשבט 'נקודת השפלות' וואס דאס איז חמשה עשר בשבט, וועגן דעם דאס איז די 'פריחה'! (די נקודה שטייט נישט דארט אין לקו"ה דאס האב איך דערהערט)

## חמשה עשר בשבט דער נקודת השפלות!

דער רבי לערנט דאך, אז ווען וואקסט א גרעין, ווען ער ווערט אינגאנצן פארפוילט, ער ווערט ממש בטל - דעמאלס הויבט ער אן שפראצן! דער נקודה פון

שפראצן איז פון **תכלית האַין...** דאס איז די שפלות – ווען דער מענטש בשעת ער ווערט ביי זיך גארנישט, דעמאלס הויבט ער אן וואקסן!

דערפאר חמשה עשר בשבט איז 'ראש השנה לאילן' – וואס דאס איז נוגע לגבי ארויפברענגען די פירות קיין ירושלים. און ירושלים זאגט רבי נתן איז דער שטאט פון שפלות, עס איז א עיר מלוכה ס'שטייט [כה] ורמה וישבה תחתיה – שבו איש תחתיו, זיי אונטער דיין מדרגה!

ירושלים איז א שטאט וואו מען האלט זיך קליין, ירושלים איז מסוגל אויף שפלות! דארט שפירט מען א אמת'ע שפלות. דעריבער די קדושה פון די פירות נטע רבעי, איז אז מען דארף זיי מעלה זיין קיין ירושלים - אז מען זאל זוכה זיין צו קדושה פון שפלות! און דאס איז קובע ר"ה לאילן - דאס איז קובע וועלכע פירות געהערן צו קדושה פון 'רבעי' - ווייל די קדושה פון חמשה עשר פון דארט קומט ארויס די זאך.

## די קדושה פון רבי נתנ'ן

פירט אויס ראבר"נ אזוי: "**בחודש הזה ר"ה לאילן בחינת בת עין בחינת מלכות בית דוד בחינת ירושלים נולד מוהרנ"ת שהיה בחינת יהושע נגד רבינו הקדוש בחינת משה**" – דער רבי איז משה און ער איז יהושע - "**ופני לבנה כפני חמה בחינת מלכות נגד חכמה.**

"**וגדלה ועצמה מידת ענוותנו** – די עניוות פון רבי נתן איז געווען למטה מכל הד' בחינות שפלות פון די אלע פיר בחינות. ער האט געהאט אט די שפלות - **למטה מכל הד' בחינות בחינת ירושלים עיר הקודש**" - רבי נתן האט זוכה געווען צו קדושת ירושלים, ירושלים איז שלימות היראה, ירא – שלם – שלימות היראה! בושה ושפלות אמיתי!" **וזה עיקר קדושת ירושלים במקום גדולתו שם אתה מוצא ענוותנותו - ורמה ישבו תחתיה - ועל כן צריכין להעלות הפירות לירושלים** (עיין היטב בהלכות ערלה הנ"ל)**.**"

---

**כה.** זכריה יד, י.

און דער כלל איז אלע מאל אז - **"על ידי ענווה זוכין לחכמה. וכן מצינו במוהרנ"ת שהיה חכם גדול בכל האופנים, כמו שמובא בחיי מוהר"ן שהעיד רבינו ז"ל עליו אז ער איז געווען א גרויסער חכם."**

וויל חכמה איז מען זוכה דורך שפלות – **"והחכמה מ'אין' תמצא. ועל כן בירושלים שזוכין לענווה שם זוכין לחכמה, ואין תורה כתורת ארץ ישראל שהיא ירושלים עיר החכמה שיבנה במהרה בימינו, אמן."** דער עיקר תורה איז תורת ארץ ישראל, און דער עיקר פון ארץ ישראל איז ירושלים 'עיר החכמה'.

און דאס אלץ ליגט אין 'קדושת חמשה עשר בשבט - די קדושה פון רבי נתנ'ן', דאס רעדט רבי אברהם דא.

## זאך פרייען ט"ו בשבט מיט די אמת'ע פירות...

בקיצור הדברים - וואס מיר האבן גערעדט דא פריער וועגן די שמחה פון חמשה עשר. חמשה עשר איז א גרויסע שמחה!

ס'איז נישט נאר א טאג וואס מען זוכט צו קויפן – שקדים אנגליים, בצל הודי, מיט איך ווייס וואס - טערקישע קאווע.. סי איז נישט נאר מען קלייבט זיך אלע סארטן מינים - עס איז דא עפעס א גרויסע שמחה א חיות פון פירות חמשה עשר בשבט, אמת'ע פירות חמשה עשר בשבט, פירות הנשמות! **'פרי הארץ לגאון ולתפארת!'**---

אזוי זאגט דער רבי [כז] - אז דער אמת'ער זאך וואס רופט זיך **'פרי הארץ'** - דאס איז די נשמות וואס געהערן צו ארץ ישראל. די גרויסע נשמות וואס קומען ארויס - ווי די נשמה פון רבי נתנ'ן!

די התגלות פון רבי'ן ליגט א גרויסע חיות פון דעם – דאס האט רבי נתן פארברענגט צו רעדן פון דעם חמשה עשר טיש, פארברענגט פון רעב'נס גרוסקייט! חמשה עשר בשבט מיינט עפעס---

---

**כז.** ליקוטי מוהר"ן קמא סימן ס"א אות ג.

## ס'דא עפעס א שמחה...

גראדע יארן צוריק – היינט מאכט מען מער א עסק פון חמשה עשר בשבט - איך גערענק פריערדיגע יארן, אמאליגע אידן, האבן נישט געטראכט פון חמשה עשר – די קינדער קומען פון חדר מען ברענגט פירות, אביסל מאנדאלאך ניסאלאך, ווער האט אמאל געטראכט פון פירות?! אז מען האט געהאט א מאראנץ האט מען זיך געפריידט - דאס איז געווען פירות ט"ו בשבט!

היינט טוט זיך און טוט זאך. ווער רעדט שוין רבי'שע טישן, מען ברענגט פירות פון די גאנצע וועלט.. מען דארף דינגען אראבער'ס זאלן קענען אויפעסן אזויפיל פירות. בלעה"ר וויפל ס'טוט זיך היינט אפ..

על כל פנים, דער חיצוניות פון חמשה עשר בשבט האט באקומען א גרויסן פנים - אבער דער משמעות פון חמשה עשר בשבט - זעט מען ביי רבי נתנ'ן וואס הייסט א שמחה פון חמשה עשר בשבט, ס'איז דא עפעס א שמחה!

ס'טוט זיך דא עפעס א שמחה, א שמחה נוראה. א שמחה פון ארץ ישראל! א שמחת ירושלים! א שמחה פון רבי'ן! א שמחה פון רבי נתן! – וואס ווער עס וויל זיך אנכאפן אויף די קדושה, זעט ווי רבי נתן האט זיך אנגעכאפט אויף די קדושה.

אפילו מוצאי חמשה עשר בשבט האט ער געפילט אז ער איז נאכנישט געווען גענוג פריילאך, ער האט דאס גערארפט משלים זיין מיט אלע מיני דרכים – ער איז כמעט נישט מסביר וואס – ער איז נאר מסביר וואס ער האט געטאן, ווי פריילאך ער איז געווען---

## דער רבינ'ס תורות אויף 'חמשה עשר'...

ביי אונז מען הויבט אן זאגן איינעם, זאגט ער עפעס א תורה - זאגט עפעס אויף חמשה עשר בשבט. באמת ליגט אין חמשה עשר בשבט אזעלכע זאכן אז וויפל וועסט זיין פריילאך וועט עס נישט זיין אומזיסט! בעט זיך אויס ביים אויבערשטן - **"רבש"ע העלף מיר צו זוכה זיין צו די קדושה פון חמשה עשר בשבט!"---**

דער רבי אליין האט געזאגט[כז], דער רבי אליין האט מעיד געווען אויף זיך אין אלע זמנים אז ס'קומט - האט דער רבי אויסגערעכנט פסח, פורים און פריער חמשה עשר, - **בין איך נישט דער זעלבער! א נייע עבודה, א נייע חמשה עשר בשבט!** א נייע עבודה, א אנדער זאך אינגאנצן---

די תורות וואס דער רבי רעדט ארום חמשה עשר– דער רבי פלעגט דאך זאגן תורה "שבת שירה[כח]" וואס דאס איז געווען חמשה עשר בשבט אליין אדער א שבת פארדעם אדער א שבת נאכדעם – די תורה וואס דער רבי פלעגט זאגן דעמאלס האט געהאט א שייכות מיט די עבודה וואס דער רבי האט זיך יעדן מאל באנייט - דאס איז די תורות פון רבי'ן.

וואס ס'טוט זיך ביי די תורות – אין דעם ליגט באהאלטן דער חמשה עשר! אין דעם ליגט באהאלטן וואס דער רבי האט געטאן חמשה עשר---

## א גרויסע צייט פאר התחדשות...

על כל פנים, ס'איז א גרויסע צייט! א גרויסע צייט פאר התחדשות!

גאנץ חודש שבט איז א גרויסע התחדשות, בפרט חמשה עשר – איז א גרויסע התחדשות, א גרויסע צייט!

ווער עס ווייסט צו שאצן א גרויסע צייט, א התחדשות - ווייסט איין זאך, ער דארף א הכנה זיך אויסבעטן דעם אויבערשטן - ער זאל זוכה זיין האלטן דעם טאג בקדושה. אריינכאפן דינען דעם אויבערשטן אין דעם טאג אויף וואספארא אופן

---

**כז.** ראה חיי מוהר"ן סימן פט וז"ל: "שיחתו הקדושה של רבינו ז"ל מוצאי שבת פרשת תולדות תק"ע פה ברסלב. כל סדר הזמנים של כל השנה דהיינו ראש-השנה יום כפורים סוכות הושענא רבא שמיני עצרת חנוכה ופורים, **ומקודם לו חמשה עשר**, פסח שבועות וכו', בכל זמן וזמן מאלו הזמנים אין אני כמו מקודם (ואמר בזו הלשון: אז סע קומט די צייט בין איך ניט דאס וואס פריער): (המובן מדבריו היה שבכל אלו הזמנים הוא בא על השגה ודעת חדש לגמרי, ואינו עובד את השם יתברך באלו הזמנים עם העבודה שעבד כבר באלו הזמנים בשנים שעברו, רק בכל שנה ושנה הוא בא על השגה חדשה לגמרי, ויש לו עבודה חדשה באלו הזמנים).

**כח.** ראה חיי מוהר"ן אות קכו.

מען כאפט אריין, דינען בשמחה גדולה, אוועקגעבן אביסל צייט פארן אויבערשטן, אביסל צייט פאר התבודדות, פאר תהילים זאגן---

**דער אויבערשטער זאל העלפן פאר אונז אלעמען, חזקו ואמצו!**

בס"ד

מִי שֶׁתּוֹרָתוֹ בְּלֹא הֲבָנָה בָּהּ שׁוּם חִדּוּשׁ, אַף עַל פִּי שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִתְעַנֵּג בָּהּ גַּם כֵּן, אַף עַל פִּי כֵן אֵין לִדְרֹשׁ אוֹתָהּ לָרַבִּים

**אֲבָל מִי שֶׁחֲנָנוֹ ה' לְהָבִין וּלְחַדֵּשׁ אֵיזֶה דָּבָר כָּל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ, הַיּשֶׁר מְחַיֵּב, שֶׁיְּגַלֶּה וְיַכְנִיס זֹאת הַהֲבָנָה לְעַם סְגֻלָּה, וְיֵיטִיב מִטּוּבוֹ לַאֲחֵרִים**

(ליק"ע)

# מגלים ומכניסים זאת ההבנה לעם סגולה !

## יש לנו עכשיו את ההזדמנות ואת הזכות להוציא לאור

**דיבורי ראש חבורתנו הבלתי נשכח**

# ר' חיים בנימין ווֹרטהיימר ז"ל

## שדיבוריו היה לחדש ולהחיות את דברי רביה"ק לקיימם בתמימות ופשיטות

# חבר יקר !

## קח שותפות קבוע בעסק קדוש זה

**אִיהר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט גֶעלְט**
**און מִיט רָצוֹן און מִיט טִרְחָא**

| לתרומות | ירושלים:<br>הר"ר יהודה שטרנפלד הי"ו<br>05331.93747 | בית שמש:<br>הר"ר דוב בער רובינפלד הי"ו<br>05341.52325 |
|---|---|---|